# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה
פון הרה"ג רבי שמעיה לעוו שליט"א
דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## תרומה - חודש אדר

לעילוי נשמת
הרה"ח מקים עולה של תורה
ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה
ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד:
**א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)**

# תוכן הענינים

## וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם


כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק ..... ה

הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה ..... ו

יֶעדֶעמְ'ס חִיוּב ..... ו

עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת ..... ז

שְׁטִיצְן דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה ..... ח

בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ ..... ח

וִויאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים ..... ט

וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר ..... י

לֶעָתִיד לָבֹא גֵייעֶן דִי מַחֲזִיקֵי תּוֹרָה פַאַרְשְׁטֵיין תּוֹרָה ..... יא


## מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה


דִי שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָא לְדַרְגָא ..... יג

אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם ..... יג

בָּרִיא מַזָּלֵיהּ ..... יג

יִטַּע בָּהֶן אֲדָר ..... יד

# פָּרָשַׁת תְּרוּמָה

## וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם

☆ כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק ☆ הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה ☆ יֶעדֶעמְ'ס חִיּוּב ☆ עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת ☆ שְׁטִיצְן דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה ☆ בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ (כה טו) ☆ וִויאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים ☆ וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר ☆ לֶעָתִיד לָבֹא גֵייעֶן דִי מַחֲזִיקֵי תּוֹרָה פַאְרְשְׁטֵיין תּוֹרָה

### כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק
### וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם (כה ח)

**גָאר** אַ גְרוֹיסֶע יְסוֹד זֶעען מִיר אִין דִי וָואכְדִיגֶע פָּרָשָׁה בֵּיי דִי מִצְוָה פוּן בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, אַז דִי מִצְוָה פוּן בּוֹיעֶן אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאזוּנְדֶער. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (כה ח) **'וְעָשׂוּ' לִי מִקְדָּשׁ** אוּן 'אִיר' זָאלְט בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, דֶער בַּאפֶעל אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, יֶעדֶע הָאט אֵיינֶער גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן.

**אַזוֹי** וֶוערְט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין רַמְבַּ"ם (בֵּית הַבְּחִירָה פֶּרֶק א הֲלָכָה א, וּבְמִצְוַת עֲשֵׂה כ) **שֶׁצִּוָּנוּ לִבְנוֹת בֵּית הַבְּחִירָה וְכוּ', וְעוֹסְקִים בְּבִנְיָנוֹ מֵעֲלוֹת הַשַּׁחַר עַד צֵאת הַכּוֹכָבִים וְכוּ', 'וְהַכֹּל חַיָּיבִים לִבְנוֹת וְלִסְעֹד בְּעַצְמָן וּבְמָמוֹנָם'**, עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ אוֹיף בּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מֶען דַארְף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַ גַאנְצֶע טָאג, אוּן דֶער רמב"ם פִּירְט אוֹיס 'יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ הֶעלְפְן צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ'.

**דִי** תּוֹרָה פַארְלַאנְגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ – וָואס דָאס אִיז דֶער הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואו דִי שְׁכִינָה הק' וואוֹינְט. דֶער חִיּוּב אִיז טַאקֶע נָאר 'אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ', יֶעדֶער מִיט זַיין טֵייל לוֹיט וִויפִיל עֶר קֶען, אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער וֵוייניגֶער, אָבֶּער דֶער חִיּוּב פוּן אַרוֹיס הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, לִיגְט אוֹיף יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער מֶענְטְשׁ.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (פסיקתא רבתי טז) וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאפוֹילְן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אַז עֶר זָאל אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי מִשְׁכָּן, אִיז מֹשֶׁה גֶעוָוארְן צֶעטְרֵייסְלְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "צוּ דֶען קֶען אַ מֶענְטְשׁ בּוֹיעֶן אַ פַּאלַאץ פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעהֶערְט דָאךְ צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וִוי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלָל דֶערְוַואגְן צוּ בּוֹיעֶן אַזַא סָארְט הֵיילִיגֶע הוֹיז?" הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה: אִיךְ קֶען

אוֹיפְבּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּבּ אִין אֵיין רֶגַע, אָבֶּער אַז אִיךְ הֵייס כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל דָאס בּוֹיעֶן, זָאלְן זֵיי דָאס מַאכְן לוֹיט זֵייעֶרע מֶעגְלִיכְקֵייטְן".

**דֶער** חָפֵץ חַיִּים לֶערְנְט אַרוֹיס דֶערְפוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְלַאנְגְט נִשְׁט עֶפֶּעס פוּן אוּנְז אוֹיבּ אוּנְז קֶענֶען דָאס נִשְׁט אוֹיסְפִירְן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין קֹהֶלֶת (ט י) **כֹּל אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲשׂוֹת, בְּכֹחֲךָ עֲשֵׂה** אַלֶעס וָואס דֵיינֶע כּוֹחוֹת לָאזְן דִיר טוּן, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן אוּן נִשְׁט מֶער! אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין גְּמָרָא (עבודה זרה ג.) **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו** דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט אוּנְז נִשְׁט טוּעֶן זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִשְׁט אוֹיסְפִירְן, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער בַּאפֶעלְט אוּנְז צוּ טוּעֶן עֶפֶּעס אַ זַאךְ, דַארְפְן מִיר דָאס פוּלְקָאם עֶרְפִילְן. דֶער וִוילְן פוּן הַשֵּׁי"ת אִיז אַז גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאל הָאבְּן אַ שַׁיָּכוּת מִיט אוֹיפְבּוֹיעֶן אַזַא הֵיילִיג פְּלַאץ.[א]

## הֶעלְפְן אִין יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה

**דֶער** גֶעדַאנְק אִיז נִשְׁט דַוְקָא גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף בִּנְיַן בֵּית הַבְּחִירָה, נָאר אוֹיף יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וָואס מֶען בּוֹיעט, לִיגְט אַ פְלִיכְט אוֹיף יֶעדֶער אֵיינֶער אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן. וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין חֲזַ"ל (זוהר חלק ב דף קמו) אַז עֶס שְׁטֵייט נִשְׁט אִין פָּסוּק (כה ח) וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי **בְּתוֹכוֹ**, נָאר **בְּתוֹכָם** וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִין יֶעדְן פְּלַאץ אִין דִי וֶועלְט.

## יֶעדֶעמְ'ס חִיּוּב

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲשֶׂה פוּן הַגָּאוֹן רַבִּי רְפָאֵל סָאלָאוֵוייצִיק זַצַ"ל בֵּיי דֶער מְסִבָּה פוּן קֶרֶן הַצָּלָה בִּשְׁנַת תשמ"ב.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַז וֶוען דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה אִין רַאדִין, הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז מְ'הָאט גֶעדַארְפְט בּוֹיעֶן אַ בִּנְיָן פַאר דִי בְּנֵי הַיְשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר הָאט נִשְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן. הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים אַרוֹיס גֶעלֵייגְט אַ פְּלַאקַאט, אַז וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין תּוֹרָה פַאר הוּנְדֶערְטֶער בַּחוּרִים, זָאל זִיךְ מְשַׁתֵּף זַיין אוּן גֶעבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען בּוֹיעֶן.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד רַבִּי מֹשֶׁה דָארְפְסְמַאן ז"ל וָואס הָאט גֶעווֹאוינְט נֶעבְּן דֶעם שְׁטֶעטֶעלֶע רַאדִין, וָואס עֶר הָאט לֵיידֶער נִשְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע גְבִיר, עֶר הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְּלַאן פַאר דֶער חָפֵץ חַיִּים, אַז עֶר ווִיל אַז עֶס זָאל בְּלֵייבְּן פוּן אִים אוּן פוּן זַיין ווַייבּ אַ זֵכֶר לְשֵׁם עוֹלָם, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט נִשְׁט קֵיין קִינְדֶער זָאל כָאטְשִׁיג בְּלֵייבְּן פַארְאֵייבִּיגְט זַיין נָאמֶען, אוּן דֶערְפַאר ווִיל

**א.** דער הלכה איז אן עושר וואס ברענגט א קרבן פון אן עני, נישט לויט די סטאנדארט פון דער גביר, איז ער נישט יוצא מיט דעם, און נישט נאר אז ער איז נישט יוצא דערמיט זיין חיוב, נאר דאס ווערט גערעכנט ווי אריין ברענגען חולין אין די עזרה, ווייל דער אייבערשטער פארלאנגט פון יעדער איינער לויט זיינע מעגליכקייטן.

עֶר גֶעבְּן דֶער גַאנְצֶע גֶעלְט צוּ קֶענֶען אִיבֶּער-בּוֹיעֶן אַ נַייעֶר בִּנְיָן פַּאר דִי יְשִׁיבָה. ווי נָאר דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּער-גֶענוּמֶען, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט "עֶס אִיז זֵייעֶר שֵׁיין פוּן דִיר, אָבֶּער אִין רַמְבַּ"ם וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט 'וְהַכֹּל חַיָּבִים בְּבִנְיָנוֹ' יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ גֶעבְּן גֶעלְט אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן צוּ בּוֹיעֶן אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דָאס מֵיינְט אוֹיךְ אוּנְזֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מְעַט, וואוּ דִי שְׁכִינָה אִיז פְלַאצִירְט דָא אִין גָּלוּת, מִמֵּילָא קֶען אִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען גֶעלְט בְּלוֹיז פוּן דִיר, אִיךְ דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן דֶער גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר אַנְדֶערֶע".

**אוֹיף** אַזָא עֶנְטְפֶער הָאט רַבִּי מֹשֶׁה זִיךְ נִישְׁט גֶערָאכְטְן... אוּן עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אֵיינְגֶעגֶעבְּן בַּיים חָפֵץ חַיִּים אַז עֶר זָאל צוּשְׁטִימֶען צוּ זַיין פְּלַאן, אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע דִּין וּדְבָרִים אוּן טַעֲנָה'רֵיי, בִּיז ר' מֹשֶׁה הָאט פָארְגֶעשְׁלָאגְן אַז זֵיי זָאלְן בֵּיידֶע צוּזַאמֶען פָארְן צוּ הַגָּאוֹן רַבִּי חַיִּים עוֹזֵר זצ"ל אוּן הֶערְן וָואס עֶר פַּסְקְ'נְט.

**זֵיי** זֶענֶען בֵּיידֶע אַרִיבֶּער צוּ רַבִּי חַיִּים עוֹזֵר אוּן יֶעדֶע הָאט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין טַעֲנָה, ר' מֹשֶׁה הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וויל גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע גֶעלְט ווייל עֶר וויל אַז זַיין נָאמֶען זָאל בְּלֵייבְּן פַאראֵייבִּיגְט, אוּן דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אַפִּיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רַמְבַּ"ם אַז מֶען דַארְף גֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט פַאר יֶעדֶע אֵיינֶער צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אוּן בּוֹיעֶן דִי יְשִׁיבָה.

**נָאכְן** אוֹיסְהֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן, הָאט ר' חַיִּים עוֹזֵר גֶע'פַּסְקְ'נְט, אַז דִי נָאמֶען פוּן דִי מִזְרָח וַואנְט בִּנְיָן קֶען טַאקֶע וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אוֹיף ר' מֹשֶׁה אוּן זַיין ווייבְּ'ס נָאמֶען לִשְׁמוֹ וּלְזִכְרוֹ, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען הָאבְּן דִי זְכוּת תּוֹרָה פוּן דִי אַלֶע בְּנֵי הַיְּשִׁיבָה, אָבֶּער עֶר דַארְף אוֹיךְ גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט פַאר אַנְדֶערֶע צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן דִי אַנְדֶערֶע וֶוענְט פוּן דִי יְשִׁיבָה זָאלְן וֶוערְן אוֹיסְגֶעצָאלְט דוּרְךְ אַנְדֶערֶע.

## עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת

**דֶער** חִיּוּב פוּן גֶעבְּן צְדָקָה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר יֶעדֶער אֵיינֶעם, אוּן אַזוֹי וֶועט אוֹיךְ גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה (יו"ד סִימָן רמו), אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז מְחֻיָּב צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, מֶען דַארְף אֵייבִּיג טוּהְן צְדָקָה וְחֶסֶד, אַזוֹי ווי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קו ג) **עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת**, מֶען דַארְף אַ גַאנְצֶע צֵייט זַיין פַארְנוּמֶען צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ סָארְטְן וֶועגְן צוּ אַרוֹיס הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע, אֵיינֶער קֶען מִיט גֶעלְט, אַן אַנְדֶערֶע קֶען מִיט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן מְחַזֵּק זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען זָאל שְׁטְרֶעבְּן צוּ גֶעבְּן, אוּן שְׁפִּירְן אַ זְכִיָּה אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטֶע.

**צוּמָאל** קֶען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן ווי קֶען אִיךְ מְקַיֵּים זַיין דֶער פָּסוּק (תהלים קו ג) **עֹשֵׂה צְדָקָה בְּכָל עֵת**, צוּ דֶען קֶען אִיךְ גֶעבְּן צְדָקָה אַ גַאנְצֶע טָאג, מ'דַארְף דָאךְ זַיין פַאר דֶעם אַ וֶועלְטְס עוֹשֶׁר.

**אָבֶּער** דֶער אֱמֶת אִיז, אַז עֶס אִיז דָא אַסַאךְ סָארְטְן וֶועגְן פוּן טוּהְן צְדָקָה, עֶס אִיז בּאקאנט וָואס חַזַ"ל זָאגְן אַז מְחַזֵּק זַיין צוּבְּרָאכֶענֶע אִידְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן צְדָקָה. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶעבְּט צוּ גֶעבְּן פַאר אַנְדֶערֶע, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַ זְכִיָּה אַז עֶר קֶען הֶעלְפְן אַ אִיד, טְרֶעפְט עֶר שׁוֹין

גֶענוּג גֶעלֶעגְנְהֵייטְן דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין.[ב]

☆

## שְׁטִיצְן דִי וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה

**בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ** (כה טו)

**עֶס** אִיז דָא אָן אַ שִׁיעוּר צְדָקָה צְוֶועקְן וָואס אַלֶע זֶענֶען גָאר חָשׁוּב אוּן ווִיכְטִיג, אָבֶּער גֶעבְּן צְדָקָה פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָואס זִיצְן אוּן לֶערְנֶען אִיז גָאר סְפֶּעצִיעֶל. שְׁטִיצֶען תּוֹרָה, דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה, אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע זְכִיָּה אוּן חוֹב, וָואס לִיגְט אוֹיף יֶעדֶע אִידִישׁ קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

**דֶער** כְּלִי יָקָר שְׁטֶעלְט זִיךְ אַז בַּיי דִי אָרוֹן שְׁטֵייט 'וְעָשׂוּ' אַנְדֶערְשׁ ווִי בַּיי דִי אַנְדֶערֶע כֵּלִים וָואס עֶס שְׁטֵייט 'וְעָשִׂיתָ'. אִיז עֶר מַסְבִּיר **אָמְרָה הַתּוֹרָה** דִי תּוֹרָה זָאגְט **הַכֹּל יָבוֹאוּ וְיִתְעַסְּקוּ בְּאָרוֹן**, אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אוּן עוֹסֵק זַיין אִין דִי אָרוֹן, **כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לְכֻלָּם חֵלֶק בַּתּוֹרָה** אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, **כִּי כֶּתֶר תּוֹרָה הֶפְקֵר לְכָל** ווַייל דִי קְרוֹין פוּן דִי תּוֹרָה אִיז הֶפְקֵר פַאר יֶעדְן אִיד!

---

**ב.** ווען מ'רעדט וועגן חסד דארף מען דערמאנען וואס די וועלט זאגט "חסד הייבט זיך אן אינדערהיים".

עס איז גאר וויכטיג צו ארויס העלפן און שטוב, אפילו איינער וואס ארבעט שווער צו פארדינען געלט, דארף געדענקען פארוואס ער ארבעט, דער גאנצע תכלית איז דאך צו קענען שפייזן זיין ווייב און זיינע קינדער, עס טאר נישט ווערן פארקערט אז דער גאנצע טאג זאל ער ארבעטן שווער פאר געלט, און אזוי זאל ער נישט קענען ארויס העלפן ווען ס'פעלט זיך אויס.

עס איז געווען א יונגערמאן אין לייקוואד וואס פלעגט שטענדיג קומען שפעט צום דאווענען, דער משגיח האט אים אפיר גענומען, פארוואס פארשפעטיגסטו יעדן טאג?, דו הייסט דאך 'זאקס' ביסט אן אייניקל פון חפץ חיים, ווי פאסט עס פאר אן אייניקל פון חפץ חיים צו קומען שפעט?

האט דער אינגערמאן געזאגט "איך גיי ארויס צייטליך יעדן טאג, גענוג פרי אז איך זאל קענען אפילו לערנען פאר'ן דאווענען, אבער אינמיטן וועג גיי איך אריבער א הויז וואס איך הער ארויס קולות און איך הער ווי קינדער וויינען זייער שטארק, מיין הארץ באנעמט מיך יעדן טאג פון פריש, און איך קלאפ אריין, און איך זעה ווי א פרוי אן "אלמנה" פארעט זיך נעבעך אינגאנצען אליין, איך העלף זי אנטוהן די קליידער פון די קינדער, איך געב זיי פרישטיג, און איך נעם זיי אין חדר, און צוליב דעם קען איך נישט אנקומען צייטליך צום דאווענען".

האט אים דער משגיח געזאגט, "דאס פאסט טאקע פאר אן אייניקל פון חפץ חיים"!

האט דער אייניקל פון חפץ חיים אים קלאר געמאכט: אבער דו ווייסט ווער יענע פרוי איז? זי איז נישט קיין אלמנה, דאס איז מיין ווייב און מיינע אייגענע קינדערליך.

ווי פארשטענדליך איז נישט דער לימוד פון די מעשה אז עס איז דא א תירוץ צו קומען שפעט צום דאווענען, אבער דאס זען מיר זיכער אז העלפן אינדערהיים איז גאר וויכטיג.

**די** גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס שְׁטִיצְן תּוֹרָה קֶען מֶען זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי אָרוֹן (כה טז) **בְּטַבְּעוֹת הָאָרוֹן יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ**, מְ'הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעמֶעגְט אַרוֹיס-נֶעמֶען דִי שְׁטַאנְגֶען פוּן דִי אָרוֹן, חֲזַ"ל (יומא עא:) זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ לֹא תַעֲשֶׂה.

**די** סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים זֶענֶען מַסְבִּיר אַז דִי טַעַם פוּן דֶער אִיסוּר אִיז, ווִיבַּאלְד דִי שְׁטַאנְגֶען טְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען דִי זֶעלְבֶּע קְדֻשָּׁה אוּן חֲשִׁיבוּת ווִי דֶער אָרוֹן אַלֵיינְס,[ג] אוּן מְ'טָאר נִישְׁט אָפְּטֵיילְן אֵיינְס פוּן צְווֵייטְן, קֶענֶען מִיר זֶען פוּן דֶעם דִי גְרוֹיסֶע חֲשִׁיבוּת פוּן דִי "בַּדֵּי הָאָרוֹן" דָאס זֶענֶען דִי נְדִיבִים בְּעָם וָואס הַאלְטְן אוּנְטֶער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, אַז זֵייעֶר חֲשִׁיבוּת אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה אַלֵיין.[ד]

**און** בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען זִיךְ מִתְבּוֹנֵן זַיין, אַז כָּאטְשִׁיג עֶס זֶעט אוֹיס כְּאִילוּ מֶען שְׁטִיצְט דִי תּוֹרָה, עֶס זֶעט אוֹיס אַז דִי וָואס שְׁטִיצְן דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה, זֵיי זֶענֶען דִי וָואס הַאלְטְן אוּנְטֶער אַז דִי תּוֹרָה זָאל הָאבְּן אַ קִיוּם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, אַזוֹי ווִי בַּיים אָרוֹן ווֵייסְן מִיר וָואס חֲזַ"ל (סוטה לה.) זָאגְן אַז דֶער אָרוֹן אִיז גֶעוֶוען **נוֹשֵׂא אֶת נוֹשְׂאָיו**, דֶער אָרוֹן הָאט בֶּאֱמֶת גֶעטְרָאגְן דִי כֹּהֲנִים וָואס הָאבְּן אִיר – כְּאִילוּ – גֶעטְרָאגְן.

**די** זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בְּנוֹגֵעַ דִי מַחֲזִיקֵי תּוֹרָה, דָאס וָואס זֵיי שְׁטִיצְן דִי תּוֹרָה אוּן זֵיי טְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, דָאס הַאלְט זֵיי גָאר אוּנְטֶער.

## ווִיאַזוֹי גֵייט אַן עַם הָאָרֶץ זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים

**חֲזַ"ל** רֶעכֶענֶען אוֹיס אִין גָאר אַסַאךְ פְּלֶעצֶער דִי גָאר גְרוֹיסֶע שְׂכַר אוּן ווִיכְטִיגְקֵייט פַאר דִי אִידְן וָואס הֶעלְפְן אוּן שְׁטִיצְן תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה, פָאלְגֶענְד בְּרֶענְגֶען מִיר עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרִים.

---

**ג.** אנפאנג מסכת זבחים שטייט אין די משנה "שמעון אחי עזריה" שמעון דער ברודער פון עזריה, איז רש"י מסביר אז ער ווערט אנגערופן אזוי, וויבאלד אז דורך זיין ברודער עזריה האט ער געקענט לערנען תורה וויל ער האט אים געשטיצט, דערפאר ווערט ער אנגערופען על שמו.

עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה צט ח) אז אין פרשת ויחי שטייט אין די תורה זבולון פאר יששכר, וויל אָן זבולן איז נישטא קיין יששכר.

**ד.** באמת ווערט אזוי געפסקנט אין שלחן ערוך (יורה דעה סימן רמו): יעדע איד איז מחויב צו לערנען תורה, און דער וואס קען נישט לערנען, זאל שטיצן אנדערע וואס לערנען, און עס וועט אים ווערן גערעכנט כאילו ער אליין האט געלערנט (עיין גם ברמב"ם ספר המצות מצוה ו').

עס שטייט אין מדרש (פרשת קדושים כ"ה, וכן הוא בירושלמי סוטה) **אילו נאמר עץ חיים לעמלים** אויב עס וואלט געשטאנען אז די תורה איז אן עץ חיים פאר די וואס פלאגן זיך אין דעם, וואלט כלל ישראל נישט געקענט עקזעסטירן חס ושלום, וויל נישט יעדער קען לערנען א גאנצע צייט, עס שטייט אבער נאר **למחזיקים בה**.

**רַבִּי** אֶלְעָזָר (סַנְהֶדְרִין קיא:) לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דִי פָּסוּק (ישעיהו כו יט) **כִּי טַל אוֹרוֹת טַלֶּיךָ וָאָרֶץ רְפָאִים תַּפִּיל, כָּל הַמִּשְׁתַּמֵּשׁ בְּאוֹר תּוֹרָה** דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה **אוֹר תּוֹרָה מְחַיֵּיהוּ** וֶועט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים, אוּן ח"ו דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, אִיז זַייעֶר בִּיטֶער.

**זָאגְט** דִי גְמָרָא וַוייטֶער אַז ר' אֶלְעָזָר הָאט גֶעזֶען אַז ר' יוֹחָנָן שְׁטֶערְט זַייעֶר שְׁטַארק זַיינֶע וֶוערְטֶער (ווייל ווי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים), הָאט רַבִּי אֶלְעָזָר אִים גֶעזָאגְט, רַבִּי אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַן עֵצָה פַאר זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן שְׁטִיצְן דִי לוֹמְדֵי תּוֹרָה וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זֵיין צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים.

**נָאךְ** זָאגְט דִי גְמָרָא דָארְט אַז דֶער וָואס מַאכְט חֲתוּנָּה זֵיין טָאכְטֶער צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן דֶער וָואס מַאכְט סְחוֹרָה פַאר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָדֶער עֶר אִיז סְתָם אַזוֹי מְהַנֶּה תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן זֵיין פַארמֶעגְן, רֶעכְנֶט אִים דֶעם פָּסוּק אַזוֹי וִוי עֶר אִיז זִיךְ מְדַבֵּק אִין דִי שְׁכִינָה, אַזוֹי וִוי ס'שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דברים ד ד) **וְאַתֶּם** הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם.

### וְתוֹמְכֶיהָ מְאֻשָּׁר

**דֶער** גְמָרָא פַארְצֵיילְט אוֹיף אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז גֶעוֶוען ל"ע אַ רָשָׁע, (סנהדרין קב.) זָאגְט דִי גְמָרָא, **אַחְאָב שָׁקוּל הָיָה** אַחְאָב הָאט גֶעהַאט עֲבֵירוֹת אוּן אוֹיךְ זְכוּתִים. וֶוען אַחְאָב הָאט גֶעוָואלְט גֵיין אִין מִלְחָמָה מִיט אֲרָם אִין רָמוֹת גִּלְעָד, הָאט אִים מִיכָה הַנָּבִיא גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אִין מִלְחָמָה, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וִוי עֶר הָאט גֶעזֶען בַּנְּבוּאָה וִוי עֶס טוּט זִיךְ אַ גַאנְצֶע טַענָה'רֵיי אִין הִימְל **זֶה אוֹמֵר בְּכֹה וְזֶה אוֹמֵר בְּכֹה, וְכָל צְבָא הַשָּׁמַיִם עוֹמֵד עָלָיו מִימִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ** (מְלָכִים א כב יט) עֶס זֶענֶען דָא מַלְאָכִים וָואס זָאגְן אַז עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן אִין דֶער מִלְחָמָה, אוּן עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז זָאל דָאס אִיבֶּער לֶעבְּן, צוּם סוֹף אִיז עֶר טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מְלָכִים א (פרק כב).

**וָואס** זֶענֶען גֶעוֶוען דִי צְדָדִים צִי עֶר זָאל אִיבֶּערלֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט? דֶער מַהַרְשָׁ"א עֶרְקְלֶערְט, מִיט דֶעם וָואס ס'שְׁטֵייט אִין גְמָרָא (שם) **אָמַר ר' יוֹחָנָן מִפְּנֵי מָה זָכוּ אַחְאָב לַמַּלְכוּת כ"ב שָׁנִים**, פַארְוָואס הָאט אַחְאָב דֶער רָשָׁע זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֵיין אַ מֶלֶךְ פַאר צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג יָאר, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַ לַאנְגֶע צֵייט? ווייל עֶר הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וָואס אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן מִיט צְוֵויי אוּן צְוַואנְצִיג אוֹתִיּוֹת.[ה]

**אַזוֹי** זֶעט מֶען דָארְט קְלָאר אִין דִי גְמָרָא אַז וִויבַאלְד אַחְאָב הַמֶּלֶךְ הָאט מְהַנֶּה גֶעוֶוען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים מִנְּכָסָיו, הָאט מֶען אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען הַאלבּ פוּן זַיינֶע עֲבֵירוֹת (ועיי"ש במהרש"א).

**מִיר** זֶעעֶן אַז חִזְקִיָּהוּ הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט זֵיין טַאטֶע'ס 'אָחָז'

**ה.** דִי גמרא פארציילט דארט אז עס איז געווען א מלך "בן הדד מלך ארם" וואס האט געוואלט אז מ'זאל אים שיקן א ספר תורה, און אחאב האט נישט מסכים געווען.

בֵּיינֶער, עֶס שְׁטֵייט אִין יְרוּשַׁלְמִי (סַנְהֶדְרִין י:) אַז אָחָז אִיז גֶעוֶוען אַ רָשָׁע אוּן עֶר הָאט צוּשְׁטֶערְט דִי תּוֹרָה, דֶערְפַאר הָאט עֶר נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען אֲפִילוּ דָאס וָואס אַחְאָב הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, ווייל אַחְאָב – מִיט אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים – הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה[ו].

## לֶעָתִיד לָבֹא גֵייעֶן דִי מַחֲזִיקֵי תּוֹרָה פַארְשְׁטֵיין תּוֹרָה

**דֶער** חִידָ"א (אִין זַיין סֵפֶר צַוְּארֵי שָׁלָל פרשת ראה) שְׁרַייבְּט אוֹיף דִי פָּסוּק (ישעיה נד יג) **וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה' וגו' בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי**, אוּן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דוּרְךְ צְדָקָה וֶועסְטוּ זַיין בַּאפֶעסְטִיגְט. פְּרֶעגְט דֶער חִידָ"א לִכְאוֹרָה וָואסְפַארַא שַׁיָּכוּת הָאבְּן דִי צְוֵויי זַאכְן, צְווִישְׁן תּוֹרָה מִיט צְדָקָה?

**נָאר** ווי דִי גְּמָרָא (סוטה לא.) זָאגְט, **לֶעָתִיד לָבֹא, עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַעֲשׂוֹת צֵל אֵצֶל בַּעֲלֵי הַתּוֹרָה** אַז דִי וָואס שְׁטִיצְן תּוֹרָה גֵייעֶן זִיצְן נֶעבְּן דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטִיצְט דִי בַּעֲלֵי תּוֹרָה, פְּרֶעגְט דֶער חִידָ"א וָואס פַאר אַ שְׂכַר אִיז דָאס, זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן דָאךְ גָארְנִישְׁט קֵיין תּוֹרָה, זֵיי וֶועלְן זִיצְן אוּן אוֹיסְהֶערְן אָן פַארְשְׁטֵיין, נָאר וָואס דֶען עֶנְטְפֶערְט דֶער חִידָ"א אַ גְרוֹיסֶע חִדּוּשׁ אַז זֵיי גֵייעֶן פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק **וְכָל בָּנַיִךְ לִמּוּדֵי ה'** ווי אַזוֹי? **בִּצְדָקָה תִּכּוֹנָנִי**.[ז]

**אוּן** דָאס דַארְף נִישְׁט דַוְקָא מֵיינֶען מִיט גֶעלְט, נָאר יֶעדֶע סָארְט הִילְף וָואס אֵיינֶער גִיבְּט פַאר אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר דִי זְכִיָּה אַז עֶר גֵייט לֶערְנֶען תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַבָּא, אוּן עֶר גֵייט פַארְשְׁטֵיין, אַפִילוּ אִידְן וָואס דָא אוֹיף דִי וֶועלט הָאבְּן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁטֵיין, אָבֶער אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועלְן זֵיי פַארְשְׁטֵיין!

**אִיךְ** הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט ווי רַבִּי יַעַנְקֶעלֶע זי"ע הָאט דֶערְצֵיילְט (וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין מַאנְשֶׁעסְטֶער פרשת ויצא תשל"ח) אַז וֶוען דֶער צַאנְזֶער רַב זי"ע אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלְס רַב אִין דֶער שְׁטָאט צַאנְז, אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אִינְדֶערְפְרִי. דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פוּן שְׁטָאט וֶועלְכֶע הָאבְּן שׁוֹין גָאר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעוָוארְט אוֹיף דֶער אָנְקוּם פוּנֶם רַב, זֶענֶען גְלֵייךְ אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען צוּ אִים צוּ רֶעדְן מִיט אִים לֶערְנֶען. אַזוֹי זֶענֶען דִי שָׁעוֹת פוּן טָאג אַרִיבֶּער וֶוען עֶס קוּמֶען כְּסֵדֶר אַרֵיין רַבָּנִים אוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט דֶער נֵייעֶר רַב, בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט פַארנַאכְטְס.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט צַאנְז אַ אִיד רַבִּי יוֹסֵף רָאפֶּע. עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי

---

**ו.** איך האב געהערט פון רבי יענקעלע זי"ע אז אחאב איז מגולגל געווארן אין דעם תנא רבי אחא, און דערנאך איז ער נאכאמאל מגולגל געווארן אין אחיהו גאון.

**ז.** דער חיד"א שרייבט אזוי, אויך אין אן אנדערע פלאץ (מדבר קדמות מערכת מ אות לו) **המחזיק תלמיד חכם אף אם הוא עם הארץ מלמדין אותו תורה בעולם הבא** דער וואס שטיצט די וואס לערנען די תורה, אפילו ער איז אן עם הארץ וועט ער זוכה זיין צו פארשטיין תורה אין עולם הבא.

עַסְקָנִים און פון די בַּעֲלֵי בָּתִּים אִין שְׁטָאט. וָוען די נַאכְט אִיז צוּגֶעפַאלְן הָאט ר׳ יוֹסֵף זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער רָב אִיז דָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מִן הַסְתָם הָאט עֶר נָאךְ גָארְנִישְׁט טוֹעם גֶעוֶוען אַ גַאנְצְן טָאג. עֶר אִיז גְלֵייךְ צוּגֶעלָאפְן צוּם שְׁטוּב פוּנֶם צַאנְזֶער רָב און אִים גֶעבְּרֶענְגְט עֶפֶּעס אִיבֶּערְצוּבַּייסְן. דֶער רָב הָאט זִיךְ מְחַיֶּה גֶעוֶועהן מִיט דֶעם און עֶס הָאט אִים צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דִי כּוֹחוֹת וֵוייטֶער אָנְצוּגֵיין נָאךְ אַזַא פִּילֶע, שְׁוֶוערֶע טָאג.

**דֶער** ר׳ יוֹסֵף רָאפֶּע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן בְּעֶפָאר דֶעם צַאנְזֶער רָב. אֵיין נַאכְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רָב אִין חָלוֹם און אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַ טִיפֶע חִדּוּשׁ וָועלְכֶע עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אוֹיבְן דוּרְךְ דִי פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה. דֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט צוּ הֶערְן דֶער חִדּוּשׁ וֵוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס עֶר אַלֵיין הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען בֵּיי זַיין מִילְכִיגֶע ׳שָׁבוּעוֹת סְעוּדָה׳ און דָא הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹס אַז עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְן.

**ר׳** יַעַנְקֶעלֶע הָאט אוֹיסְגֶעפִּירְט בְּשֵׁם דֶער קָאלִישִׁיצֶער רָב זי״ע אַז דֶער מַעֲשֶׂה בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע לִמּוּד. ר׳ יוֹסֵף רָאפֶּע אִיז בְּחַיָּיו נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין תַּלְמִיד חָכָם, און וָואלְט זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין אָדֶער אִיבֶּערְזָאגְן אַזַא טִיפֶער גֶעדַאנְק. אָבֶּער עֶר אִיז יָא גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט מְחַזֵּק זַיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעזֶען בֵּיי דִי מַעֲשֶׂה מִיטְן צַאנְזֶער רָב, און דֶערְפַאר הָאט עֶר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט זוֹכֶה גֶעוֶועהן צוּ קֶענֶען הֶערְן און פַארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה פוּן דִי פָּמַלְיָא שֶׁל מַעְלָה אַלֵיין.[ח]

**ח.** דער צאנזער רב זי״ע האט אמאל געזאגט אז עס זענען נאר דא צוויי מענטשען וואס פארשטייען זיינע תורה, דער קול אריה און דער מהר״ש ענגיל.

# מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה

☆ די שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא ☆ אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם ☆ בָּרִיא מַזָּלֵיהּ ☆ יִטַּע בָּהֶן אֲדָר

## די שִׂמְחָה אִין 'אֲדָר' גֵייט מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא

**מִיר** זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין אִין די לִיכְטִיגֶע צֵייט חוֹדֶשׁ 'אֲדָר', די גְּמָרָא זָאגְט (תענית כט.) **כְּשֵׁם שֶׁמִּשֶּׁנִּכְנַס אָב** אַזוֹי ווי ווען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָב **מְמַעֲטִין בְּשִׂמְחָה** פַארְמִינֶערְט מֶען מִיט שִׂמְחָה, **כַּךְ** פּוּנְקְט אַזוֹי **מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר** ווען עֶס קוּמְט אֲדָר **מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה** פַארְמֶערְט מֶען שִׂמְחָה. דֶער שְׂפַת אֱמֶת פְרֶעגְט, אוֹיף די לָשׁוֹן פוּן חֲזַ"ל לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, וָואס מֵיינְט דָאס 'פּוּנְקְט אַזוֹי' וָואס אִיז דֶער צוּשְׁטֶעל אוּן די פַארגְלֵייךְ צוּ חוֹדֶשׁ אָב?

**עֶר** עֶנְטְפֶערְט אַ גֶעוואלְדִיגֶע דֶערְהֶער, אִין חוֹדֶשׁ אָב וֶוערְט די אֲבֵילוּת שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער ווי נֶענְטֶער מֶען קוּמְט אָן צוּ תִּשְׁעָה בְּאָב - פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אָב זֶענֶען דָא הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת, פוּן די 'שָׁבוּעַ שֶׁחָל בּוֹ תִּשְׁעָה בְּאָב' [די וָואךְ פוּן תִּשְׁעָה בְּאָב] זֶענֶען דָא נָאךְ מֶער הֲלָכוֹת, עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב נָאךְ מֶער, אוּן דֶערְנָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, אוּן 'פּוּנְקְט אַזוֹי' דַארְף זַיין אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, אַז מֶען זָאל כְּסֵדֶר מַרְבֶּה זַיין מֶער אוּן מֶער שִׂמְחָה, מְ'דַארְף גֵיין 'מִדַּרְגָא לְדַרְגָּא' אוּן 'שִׂמְחָה' בִּיז די שְׁפִּיץ אִין 'עֶצֶם יוֹם הַפּוּרִים', מֶען דַארְף שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה, גְלֵייךְ פוּן אָנְפַאנְג חֹדֶשׁ אֲדָר, אַזוֹי ווען עֶס קוּמְט פּוּרִים זָאל מֶען שׁוֹין הָאבְּן צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת אִין שִׂמְחָה.

**מִיט** דֶעם פַארְשְׁטֵייט מֶען אוֹיךְ פַארְוָואס די שִׂמְחָה הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן פוּן אָנְפַאנְג חֹדֶשׁ, עֶפֶּעס וָואס מִיר גֶעפִינֶען נִישְׁט בַּיים קֵיין אַנְדֶערֶע יוֹם טוֹב.[ט]

## אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם

**עֶס** שְׁטֵייט אִין מְאוֹר עֵינַיִם (תרומה ד"ה וזהו משנכנס) אִיבֶּער דֶער גְרוֹיסְקֵייט פוּן חֹדֶשׁ אֲדָר, עֶר זָאגְט אַז די וָוארְט 'אֲדָר' לֵיינְט מֶען **א' דר** דֶער חֹדֶשׁ וָואס דֶער אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם וואוֹינְט דֶערִין, דָאס מֵיינְט אַז חֹדֶשׁ אֲדָר אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע חֹדֶשׁ, וָואס דֶער גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּתַּחְתּוֹנִים צְווִישְׁן אוּנְז. דֶער חֹדֶשׁ אִיז פְרֵיילִיכֶער צֵייט, וָואס מִיר הָאבְּן דֶער זְכִיָּה אַז מִיר זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר נֶעמְט אוּנְז אַרוּם מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט.

## בָּרִיא מַזָּלֵיהּ

**גָאר** אַסַאךְ גְרוֹיסֶע מַעֲלוֹת אוּן סְגוּלוֹת לִיגְט אִין דֶעם חֹדֶשׁ, די חֹדֶשׁ אִיז

---

**ט.** אין ירושלמי (פרק א מגילה הלכה א) ווערט געברענגט א שיטה **כל החודש כשר לקריאת המגילה** אז מען קען ליינען די מגילה דער 'גאנצע' חודש, ווייל עס שטייט אין פסוק (אסתר ט כב) **והחודש** אשר נהפך להם מיגון לשמחה.

אַרום גענומען מיט גאר אַ גוטע מַזָל. עס שְׁטייט אִין גְמָרָא (תענית כט:) רַב פָּפָּא האט געזאגט: אַ אִיד וואס האט אַ סִכְסוּךְ מִיט אַ גוֹי, זאל זיך אַרויס דרייען פון אִים, ער זאל פְּרוּבִירן נִישְׁט זִיךְ צו טְרעפְן מִיט אִים אִין חוֹדֶשׁ אָב, ווייל דעמאלטְס האבְּן די אִידְן נִישְׁט אַזַא גוטע מַזָל, און ער זאל זען זִיךְ יָא צו טְרעפְן מִיט אַ גוֹי, און זִיךְ דוּרְךְ קוּמען די סִכְסוּךְ אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר, ווייל דעמאלטְס האבְּן די אִידְן יָא אַ גוטע מַזָל.

**דער רִיטְבָ"א** פְרעגט: לִכְאוֹרָה דארף מען פארשטיין, וואס מיינט דאס אַז אִין אֲדָר האבְּן די אִידְן אַ גוטע "מַזָל"? די גְמָרָא זאגט דאךְ (שבת קנו.) **אֵין מַזָל לְיִשְׂרָאֵל** די אִידְן האבְּן נִישְׁט קיין מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז גְרָאד פון בַּאשֶׁעפֶער, לוֹיט ווי דער בַּאשֶׁעפֶער פארשְׁטייט אַז עס אִיז גוט פאר אִים? ענְטְפֶערְט דער רִיטְבָ"א, אַז אַזוי האט כִּבְיָכוֹל די פארשְׁטאנְד פון בַּאשֶׁעפֶער גוֹזֵר געווען, אַז אִין אֲדָר זאל זיין אַ גוטע מַזָל פאר די אִידְן, אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד אִיז נִישְׁט רָאוּי, בַּאקוּמְט ער אַלֶעס גוּטְס אִין חוֹדֶשׁ אֲדָר.

**אַ** שֵׁיינער טַעַם האב אִיךְ געהערט אויף דעם, עס אִיז בַּאקאנְט אִין חַזַ"ל (זוהר הק' חלב ב דף יב.) אַז יַעֲקֹב און עֵשָׂו האבְּן זִיךְ צעטיילט מִיט די חֳדָשִׁים פון יָאר, יַעֲקֹב האט בַּאקוּמען פון די זוּמֶער די חֳדָשִׁים 'נִיסָן אִיָּיר סִיוָן', און עֵשָׂו האט בַּאקוּמען 'תַּמּוּז אָב אֱלוּל'. יַעֲקֹב האט בַּאקוּמען פון די ווינְטער די חֳדָשִׁים 'תִּשְׁרֵי חֶשְׁוָן כִּסְלֵו', און עֵשָׂו האט בַּאקוּמען 'טֵבֵת שְׁבָט אֲדָר'.

**שְׁטייט** אָבער אִין די סְפָרִים אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ מִיט זיין גְרויס חָכְמָה האט מַצְלִיחַ געווען צו אַוועק נעמען די סוֹף פון עֵשָׂו, זוּמֶער האט ער גענומען 'אֱלוּל' און ווינְטער 'אֲדָר', אַזוי ווי ס'שְׁטייט (בראשית כה כו) **וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו** יַעֲקֹב האט גענומען די סוֹף פון עֵשָׂו, קוּמְט אויס אַז 'חוֹדֶשׁ אֲדָר' געהערט בְּעֶצֶם פאר עֵשָׂו נָאר ס'אִיז געווארן אַוועק גענומען פון אִים, דעריבער האט דאס די מַעֲלוֹת פון אַ גוֹי'שֶׁע חוֹדֶשׁ אַ גוטער מַזָל אַזוי ווי די גוֹיִם זענען אונטער די מַזָלוֹת.

**און** וועגן דעם האט זִיךְ הָמָן זייער שְׁטארק געפרייעט ווען ער האט געזען אַז די גוֹרָל אִיז געפאלן אויף אֲדָר, ווייל דאס אִיז דאךְ אַ חוֹדֶשׁ וואס געהערט פאר זיין זיידע עֵשָׂו, אָבער דוּרְךְ די תּוֹרָה און תְּפִילָה פון מָרְדְּכַי און די אִידְן, האט די **קוֹל יַעֲקֹב** וואס יַעֲקֹב האט שׁוֹין גענומען די חֳדָשִׁים פון אִים, און ס'האט זִיךְ מִתְגַּבֵּר געווען אויף די **יְדֵי עֵשָׂו** און די אִידְן האבְּן געהאט אַ יְשׁוּעָה.

## יִטַּע בָּהֶן אֲדָר

**עס** שְׁטייט אִין גְמָרָא (ביצה טו:) **הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו יִטַּע בָּהֶן אֲדָר**, איינער וואס וויל זִיכער מאכְן אַז זיינע פארמעגְן בְּלייבְּן בֵּיי אִים, זאל ער איינפְלאנְצְן אַן 'אֲדָר' בּוֹים אִין זיין פֶעלְד. דער חוֹזֶה מִלוּבְּלִין זי"ע (דברי אמת פרשת תרומה) טַייטְשְׁט די מַאֲמָר חַזַ"ל **הָרוֹצֶה שֶׁיִּתְקַיְּמוּ נְכָסָיו** איינער וואס וויל אַז זיינע תְּפִילוֹת זאלְן ווערן אָנְגענומען, **יִטַּע בָּהֶן** זאל ער דאס איינפְלאנְצְן אִין חֹדֶשׁ אֲדָר, ער זאל אַריין לייגְן אַסאךְ כּוֹחוֹת אִין די הייליגע תְּפִלּוֹת וואס מִיר זענען מִתְפַּלֵּל יעדְן טָאג, די תְּפִלּוֹת און בַּקָּשׁוֹת פון די טעג האבְּן גָאר אַ גְרויסע כֹּחַ, עס גייט אַרויף גָאר הויעךְ, אַזוי ווי דער קוֹזִיגְלוֹבער גָּאוֹן זַצַ"ל האט

גֶעטֵייטְשְׁ דִי א.ד. גְּמָרָא (תענית כט:) **וְלִימְצִי נַפְשֵׁיהּ בַּאֲדָר דְּבָרִיא מַזָּלֵיהּ** עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַזָּלִים אִין חֹדֶשׁ אֲדָר וָואס הַאלְטְן אָפּ דִי תְּפִילוֹת, יה"ר אַז אוּנְזֶער אַלֶע תְּפִלּוֹת זָאלְן נִתְקַבֵּל וֶוערְן בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן לִפְנֵי אֲדוֹן כֹּל.